JIDDISCH/ייִדיש

ANHÖRIGAS RIKSFÖRBUND

# אינפֿאָרמאַציע

## פֿאַר די וועלכע זײַנען קרובֿים/קרובֿישע אַכטונג-געבערס



### פֿאַרשיידענע מין אונטערשטיצונגען פֿון קאָמונעס און ראַיאָנען

לויט די סאָציאַלגעזעץ (קאַפּיטל 5, §10) זאָלן די קאָמונעס אונטערשטיצן עמעצער וואָס העלפֿט אָדער געבן אַ קרובֿ אַכטונג. באַדינונג אין דער היים און אַנדערע אַפּראָבירטע מאָסמיטלען קענען אויך העלפֿן דעם קרובֿ. איר קענט שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיט דער קאָמונעס קרובֿ-קאָנסולטאַנט, אַדמיניסטראַטאָר אָדער קראַנקנשוועסטער, כּדי צו באַקומען ווײַטער אינפֿאָרמאַציע וועגן פֿאַראַנענע מאָסמיטלען. קלינגט די צענטראַלע פֿון דער קאָמטנע אָן כּדי צו ווערן ריכטיק איבערגעשיקט.

עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע מאָסמיטלען אין פֿאַרשיידענע קאָמונעס. דאָ זײַנען עטלעכע בײַשפּילן פֿון אַזעלכע אונטערשטיצונגען וועלכע קאָמונעס און ראַיאָנען קענען אײַך אָנבאָטן.

- הילף אין דער היים
- באַדינונג אין דער היים
- טאָגטעגלעכע אַקטיוויטעטן
- דערווײַליקע באַהויזונג
- געשעענישן פֿאַר קרובֿים
- עצות און בילדונג
- שמועס-קרײַזן
- מאָסמיטלען

### אויף אַנדערע שפּראַכן

לויטן שוועדישן געזעץ זאָלן אַלדי, וועלכע דאַרפֿן איבערזעצונג, באַקומען הילף פֿון אַן איבערזעצער ווען מע שטעלט זיך אין פֿאַרבינדונג מיט מלוכישע אינסטאַנצן. מע זאָל אויך באַקומען הילף פֿון אַן אויסטײַטשער כּדי צו פֿאַרשטאַנען אינפֿאָרמאַציע פֿון אַ דאָקטער אָדער עמעצער אַנדער פֿון אַ שפּיטאָל, פֿאַרזאָרג-אינסטאַנץ אָדער אַ דענטיסט אָפּיס. לאָז וויסן אויב איר דאַרפֿט אַן איבערזעצער. אַלצדינד איר זאָגט צום איבערזעצער זײַנען צווישן אײַך גערעדט. עס איז פֿאַראַן ווײַטער אינפֿאָרמאַציע אויף 1177, דער וועגווײַזער פֿון געזונט-פֿראַגעס.

ANHÖRIGAS RIKSFÖRBUND

**קאָנטאַקט**

דער לאַנדישער פֿאַרבאַנד פֿאַר קרובֿים

**Norrhultsvägen 44 B**

**360 71 Norrhult**

**010-155 70 60**

**info@anhorigasriksforbund.se**

עס איז דאָ ווײַטער אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם לאַנדישן פֿאַרבאַנד פֿאַר קרובֿים אויף

**www.anhorigasriksforbund.se**

### דער לאַנדישער פֿאַרבאַנד פֿאַר קרובֿים

דער לאַנדישער פֿאַרבאַנד פֿאַר קרובֿים איז אַן אָרגאַניסאַציע אָן פּאָליטישער און רעליגיעזער אַפֿיליאַציע וואָס שטיצט קרובֿים אומאָפּהענגיק פֿון עלטער, מין אָדער דיאַגנאָז פֿון דעם אייגענעם מענטש.

- באַשטייט פֿון אי לאָקאַלע פֿאַראייניקונגען אי איינציקע מיטגלידער
- זאָל, פֿון אַ קרובֿס קוקווינקל, צוזאַמען מיט קרובֿים און מיט אַ גוטער קענטשאַפֿט און אַ ברייטער געניטשאַפֿט רופֿן דעבאַטע אַרויס און באַווירקן, אינספּירירן און גיין אַפֿריער צו נײַע פֿאַרענטפֿערונגען
- זאָל זײַן אַ געמיינזאַמע פּלאַטפֿאָרמע פֿאַר יעדער פֿראַגע וועגן קרובישאַפֿט
- זאָל זײַן באַוווּסט פֿאַר זײַנע קאָאָפּעראַציעס מיט אינסטאַנצן, אָרדאַניסאַציעס אַאַז"וו אויף אי אַ לאָקאַלער אי אַ מלוכישער ניוואָ.

### ווער איז אַ קרובֿ/קרובֿישער אַכטונג-געבער

אַ קרובֿ/קרובֿישער אַכטונג-געבער איז אַ מענטש וואָס העלפֿט אַ קראַנקן, פֿאַרוווּנדיקטן אָדער אַלטן קרובֿ. אַ קורבֿ איז למשל אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי, אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, אַ קינד, אַן אייניקל, אַ חבֿר, אַ שכן, אַ קאָלעגע אָדער עמעצער אַנדער.

### אַ סך קרובֿים/קרובֿישער אַכטונג-געבערס

עס איז הײַנט פֿאַראַן 1.3 מיליאָנען קרובֿים וועלכע כּסדר שטיצן אָדער העלפֿן עמעצער אין שוועדן. 900.000 פֿון די דאָזיקע מענטשן זײַנען יונג גענוג צו אַרבעטן און 140.000 פֿון זיי האָבן אָדער אפּגעהאַלטן צו אַרבעטן אָדער אָנגעהויבן צו אַרבעטן ווייניקער צוליב דער קרובֿ-סיטואַציע.

### די וויכטיקע אָנשטרענגען פֿון קרובֿים

קרובֿים וועלכע געבן זייערע אייגענע אַכטונג זײַנען אַ טאַקע וויכטיקער רעסורס פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. מיר אַרבעטן צו שאַפֿן דעם בעסטן מצבֿ פֿאַר מענטשן צו זײַן אַזאַ קרובֿ אַזוי לאַנג ווי זיי ווילן. דערפֿאַר איז דער לאַנדישער פֿאַרבאַנד פֿאַר קרובֿים דאָ.

### Anhöriglinjen

דער לאַנדישער פֿאַרבאַנד פֿאַר קרובֿים האָט אַ שטיק-טעלעפֿאָן "די קרובֿים-ליניע". קרובֿים קענען די ליניע אָנקלינגען כּדי צו באַקומען שטיץ אָדער עצות אויף שוועדיש. דער נומער איז:

0200-239 500

מע קען אויך צושיקן אַ בליצבריוו צו

anhoriglinjen@anhorigasriksforbund.se

### Anhörighandboken

דער לאַנדישער פֿאַרבאַנד פֿאַר קרובֿים האָט אויך אַ קרובֿישאַפֿט-בוך מיט עצות און שטיץ צו קרובֿים. עס איז אַ דיגיטאַלער בוך און האַלט אינפֿאָרמאַציע אויף שוועדיש: www.anhorighandboken.se